**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/12/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האָקול אויף קאנגרעסיאנעלע דורכפירונג פון דעם ׳אינפלאַציע רעדוקציע אַקט׳ פון 2022

״די היינטיגע שטימען אין דעם הויז פון רעפרעזענטעטיווס איז א מאנומענטאלע טריט פאראויס אין אונזער לאנד׳ס באמיאונגען צו קעמפן קעגן אינפלאציע, אראפברענגען קאסטן פאר פאמיליעס און לייזן דעם קלימאט קריזיס. א דאנק די פירערשאפט פון ספיקער פעלאסי און די שווערע ארבעט פון דעמאקראטן אין דער ניו יארק קאנגרעסיאנעלע דעלעגאציע, וועט דער ׳אינפלאַציע רעדוקציע אַקט פון 2022׳ באלד אנקומען צו פרעזידענט ביידען׳ס טישל.

די פעדעראלע לעגיסלאציע שטייט אויפ׳ן שפיץ פון מאכן א גרויסן אימפאקט אין ניו יארק. עלטערע לייט וועלכע פארלאזן זיך אויף מעדיקעיר פאר פרעסקריפשען מעדיצינען וועלן ענדליך זען זייערע אויסגאבן אראפגיין. מענטשן וואס פארלאזן זיך אויף די ׳אַפאָרדעבל קעיר געזעץ׳ העלטקעיר פלענער וועלן האבן זייערע סובסידיעס פארלענגערט, האלטנדיג פרעמיומס מער צוגענגליך. און א היסטארישע אינוועסטירונג יאן גרינע טעכנאלאגיע און קלימאט ווידערשטאנד-פעאיגקייט וועט האבן א פאזיטיווע ווירקונג לענגאויס אונזער עקאנאמיע דורך שאפן דזשאָבס, אראפברענגען הויזגעזינד יוטיליטי קאסטן און אונטערהייבן די ריינע ענערגיע רעוואלוציע.

דער ׳אינפלאַציע רעדוקציע אַקט׳ איז דער פערפעקטער באגלייטער צו אונזערע אנגייענדע באמיאונגען אין ניו יארק צו העלפן פאמיליעס מיט די שטייגנדע לעבנס-קאסטן, פון אונזער לאנד-וועגווייזיגע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע ביז די שטייער פארלייכטערונג וואס מיר האבן געליפערט פאר מיטל-קלאס היים אייגנטימער. איך קוק ארויס צו פרעזידענט ביידען אונטערשרייבן דעם ביל אלס געזעץ — און צו איינפירן די היסטארישע ענדערונגען הארט דא אין ניו יארק.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418